# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

ויקרא - שובה
תשפ"ג לפ"ק
גליון רל"ט

## פראגע

### וואס זאל זיין די ערשטע זאך וואס א מענטש זאל פארריכטן בעפאר יום כיפור?

**ענטפער:**

בדרך הלצה וואלט איך געזאגט, אז די ערשטע זאך זאל ער זיך אליינס פארריכטן... אבער איר האט אודאי געמיינט צו פרעגן וואס איז די ערשטע זאך וואס א מענטש זאל פארריכטן **אין זיך** אליינס?

די ערשטע זאך וואס מען דארף טון איז זיכער צו מאכן צו פארריכטן אלע ענינים פון "בין אדם לחבירו", און איבערקוקן צי מען האט נישט געטון עפעס אן אומרעכט פאר א צווייטן איד. אויף אנדערע זאכן קען מען מסתמא תשובה טון דורכאויס יום כיפור – אויף רוב זאכן קען מען תשובה טון יום כיפור – אבער אויב עמיצער האט א שווער הארץ אויף אייך, דארפט איר פארשטיין אז גארנישט וועט נישט העלפן ביז איר בעט נישט מחילה פון יענעם מענטש.

**"אין יום הכיפורים מכפר עד שירצה את חבירו"** (משנה יומא ח ט) – יום כיפור איז נישט מכפר ביז מען בעט איבער דעם חבר. וועגן דעם איז אויך וויכטיג אז מען זאל זיך איינסלערנען צו זאגן, "זיי מיר מוחל". און ווארט נישט אויף יום כיפור!

דער עם הארץ טוט עס נישט. דער עם הארץ באליידיגט מענטשן און ער טראכט קיינמאל נישט פון בעטן מחילה. דער תלמיד חכם אבער איז אלעמאל פארזיכטיג מיט מענטשן, אבער אויב ער האט יא בטעות געטראטן אויף איינעמ'ס פוס, איז ער שנעל מודה אויף זיין טעות און ער בעט מחילה. עס דארף ווערן **א געוואוינהייט** כסדר צו בעטן מחילה פון מענטשן.

יעצט באמת'ן אריין איז עס א קליינע זאך צו בעטן מחילה, ווייל רוב מענטשן זענען וויליג נאכצוגעבן איינמאל זיי זעען אז דו האסט חרטה, אבער מען דארף בעטן פאר עס. אפילו יענעם אנרופן אויפ'ן טעלעפאן איז ווערד; און עס זאל געטון ווערן צו ווי מער מענטשן עס איז נאר מעגליך, צו יעדן איינעם וואס עס איז נאר דא די מינדעסטע חשד אז דו האסט זיי באַעוולה'ט אין סיי-וועלכע וועג. דאס איז די ערשטע זאך וואס מען דארף טון בעפאר יום כיפור. (# 568)

## פראגע

### אין סליחות זאגן מיר "ואין קורא בשמך" – עס איז נישט דא קיינער וואס רופט אין דיין נאמען. אבער דער חובת הלבבות זאגט אז אין יעדן דור זענען דא מענטשן וואס רופן צום אויבערשטן?

**ענטפער:**

אין סליחות ווען עס שטייט אז היינט האבן מיר נישט קיין "קורא בשמך" מיינט עס עפעס אנדערש. עס מיינט אזוי: אמאליגע צייטן זענען געווען מענטשן וואס האבן געהאט א השפעה אויף הקב"ה, און ווען זיי האבן געבעטן פון אים רחמים, האט ער זיי אויסגעהערט. און היינט איז שוין נישט אזוי גרינג עס צו טרעפן. דאס זאגן מיר אין סליחות.

אבער אודאי איז כלל ישראל אלעמאל "קורא בשמך", עס איז נישט קיין שום פראגע. מיר רופן צום באשעפער פאר אלעם. אבער דא אין סליחות מיינט עס אז דער באשעפער וועט צוהערן צו זייער געשריי און **תיכף ענטפערן**.

ווען **רבי חנינא בן דוסא** האט עפעס געבעטן פונעם אויבערשטן, האט אים דער באשעפער געגעבן סיי-וואס ער האט געבעטן. היינט ווייס איך נישט אויב איז דא איינער וואס קען עס טון; דאס איז אלעס וואס עס מיינט. (E-247#)

**פראגע**

## אין סליחות ווען מיר זאגן "מכניסי רחמים" און "מלאכי רחמים" קוקט עס אויס ווי מיר דאווענען צו די מלאכים. מעגן מיר בעטן הילף פון מלאכים?

**ענטפער:**

און דער ענטפער איז אז אין אונזער שול לאזן מיר עס אויס. מיר זאגן עס נישט. אסאך פוסקים זאגן אז מען זאל עס נישט זאגן און דעריבער לאזן מיר עס אויס. יעצט, געוויסע בארעכטיגן עס, און זיי זאגן אז באמת ווילן מיר אז דער באשעפער זאל עס טון, מיר זאגן עס נאר מיט אזא לשון פון מלאכי רחמים. (E-249 #)

**פראגע**

## קענט איר אפשר זאגן עפעס א לימוד ווענגן צום גדלי'?

**ענטפער:**

דער מסילת ישרים רעדט וועגן די מדה פון "חסידות" חסידות מיינט צו טון עפעס וואס איז זייער א גרויסע צדקות; אסאך מאל איז עס פיל מער פון וואס די תורה פארלאנגט פון א מענטש. אזא מענטש איז א חסיד; ער איז "מתחסד עם קונו", ער טוט מער ווי דער איבערשטער פארלאנגט פון אים.

אבער עס ליגט דערין אויך א גרויסע סכנה, זאגט דער מסילת ישרים. ווייל עס איז נישט גענוג צו קוקן בלויז אויף די פעולה וואס מען טוט און זען ווי גוט עס איז, ווי ערליך עס איז, נאר מען מוז אויך אין באטראכט נעמען וואס עס גייט ארויסקומען פון דעם. אויב די תוצאות זענען נישט גוט, דאן נישט קיין חילוק ווי גוט די זאך אליינס איז, איז עס נישט קיין חסידות.

גדליה בן אחיקם איז געווען דער ערליכער פירער פון ירושלים, וואס איז איבערגעלאזט געווארן נאכדעם וואס נבוכדנאצר האט פארטריבן די אידן אין גלות. ער האט איבערגעלאזט אין ירושלים בלויז די ארימע חלק פונעם פאלק, די "דלת העם", און ער האט געשטעלט גדליה בן אחיקם אלס דער גאווערנאר פון די אידן. ער איז געווען זייער אן ערליכער מענטש.

יעצט, איינער איז געקומען צום דעם ערליכן גאווערנער און אים אינפארמירט אז עס איז דא א מענטש – ישמעאל, וועלכער פלאנירט אים צו הרג'ענען.

האט דער ערליכער גדליה געזאגט, "איך נעם נישט אן קיין לשון הרע קעגן אנדערע אידן. איך גלייב עס נישט."

און דער סוף איז געווען אז ער איז טאקע גע'הרג'עט געווארן דורך יענעם מענטש.

וואס איז געשען נאכדעם וואס גדליה איז דערמארדעט געווארן? די אידן וואס זענען דארט געבליבן האבן מורא געהאט פון די נקמה פון נבוכדנאצר – דער קעניג פון בבל, ווייל א איד האט גע'הרג'עט דעם גאווערנער וועם ער האט געשטעלט. גדליה איז געווען דער אפיציעלער פארשטייער פון בבל, במילא א מארד אויף אים האט געמיינט א מרידה; עס איז געווען ווי א רעוואלט קעגן די הערשאפט פון בבל.

אלע אידן וואס זענען נאך ביז דעמאלטס פארבליבן אין ארץ יהודה זענען דעמאלטס ענדגילטיג אנטלאפן און יעצט איז דאס לאנד געבליבן גענצליך פארלאזט פאר לאנגע יארן. קיין איין איד איז מער נישט פארבליבן אין ארץ ישראל.

אויב גדליה וואלט ווען אויסגעהערט די ווארענונג, וואלט ער געראטעוועט זיין לעבן און ער וואלט געקענט ראטעווען די פארבליבענע אידן אין לאנד; אבער וויבאלד גדליה איז געווען זייער א גרויסער צדיק, א חסיד, האט ער נישט געוואלט צוהערן קיין לשון הרע און איז דערפאר גע'הרג'עט געווארן. נישט נאר איז ער גע'הרג'עט געווארן נאר אלע מענטשן וואס זענען געווען מיט אים זענען אויך גע'הרג'עט געווארן; אין זיין הויף זענען אלע מיניסטארן דערמארדעט געווארן, און אלע פארבליבענע אידן האבן געדארפט פארלאזן ארץ יהודה, ווייל זיי האבן מורא געהאט פונעם בבל'ישן קעניג.

יעצט עס שטייט דארט אין תנ"ך, **"האנשים אשר הכה ביד גדליהו"** (ירמי', מא ט) – די מענטשן וואס זענען דער'הרג'עט געווארן אין די הענט פון גדליה. יעצט גדליה האט קיינעם נישט גע'הרג'עט. ער איז אליינס דערמארדעט געווארן! אבער די גמרא זאגט אז גדליה ווערט באשולדיגט פאר'ן הרג'ענען די אלע מענטשן. ווייל ער איז געווען אזא גרויסער צדיק, און ער האט נישט געוואלט צוהערן צו די ווארענונג און יעצט ווערט ער באשולדיגט.

פון דעם לערנען מיר, אז אויב ביזטו א גרויסער צדיק אבער דו ברענגסט פראבלעמען אויף אנדערע מענטשן צוליב דיין צדקות, ביזטו נישט קיין צדיק. גדליה ווערט באשולדיגט. און דער לימוד איז אז עס איז נישט גענוג צו זיין ערליך, נאר די צדקות דארף האבן גוטע רעזולטאטן. (485 #)

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org. **צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com



דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל










$1
א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com


באשיינט אייער
שמחה,
שבת התוועדות
- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות
קאסטום לויט אייער געשמאק
נֹעַם שַׁבָּת
פרשת שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
שבת התוועדות
של
משפחת פישער
קראון פלאזא האטעל
שב"ק פ' שמיני תשע"ח לפ"ק
בעזהשי"ת
זמירות לשבת
עם ניגונים ושירים באידיש
שבת שבע ברכות
של
עקיבא ורחל ברכה
שלעזינגער
סידור
לשבת קודש
חומש
לפ' כי תצא
שמחת העלי' לתורה
של החתן
שלמה פריעד
צו באשטעלן רופט:
מערכת להתענג 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב